# אינוועסטירט אין NY טשיילד קעיר בארעכטיגטע אויסגאבן

ביישפילן פון בארעכטיגטע אויסגאבן אונטער דעם גרענט זענען אויסגערעכנט אונטן. פראוויידערס וואס באקומען דעם גרענט ווערן נישט פארלאנגט צו אריינגעבן רעסיטס צו די אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS) כדי צו באקומען זייערע גרענטס אבער אלע פראוויידערס מוזן רעקארדירן ווי אזוי די גרענט געלטער ווערן גענוצן צו שטיצן זייער טשיילד קעיר פאסיליטי און א שריפטליכע אדער עלעקטראנישע רעקארד פון אלע רעסיטס מוז זיין אוועילעבל אין פאל פון אן אודיט פאר אמווייניגסטנס 6 יאר.

אומזיסטע טרענירונג און אנווייזונגען וועלן זיין אוועילעבל פאר טשיילד קעיר פראוויידערס וואס האבן באקומען דעם גרענט דורך ראיאנישע טשיילד קעיר ריסאורס און רעפערל (Child Care Resource & Referral, CCR&R) אגענטורן כדי צו פארזיכערן אז פראוויידערס פארשטייען וועלכע אויסגאבן זענען ערלויבט און ווי אזוי זיי צו דאקומענטירן. די ליסטעס אונטן נעמען נישט אריין אלעס, אויב פראוויידערס האבן פראגעס לגבי אויב געוויסע אויסגאבן ווערן ערלויבט, זאלן זיי זיך ווענדן צו זייער CCR&R אדער OCFS.

| קאסטן | סארטן ערלויבטע אויסגאבן | ביישפילן |
|---|---|---|
| **פעירשאָל און שטאב** | • פעירשאָל<br>• פעירשאָל שטייערן און פרינדזש בענעפיטן<br>• רעטייערמענט קאסטן און ביישטייערונגען<br>• באצאלטע קראנקהייט אדער פאמיליע אפוועזנהייט צייט<br>• פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג, עדיוקעישאן און טרענירונג קאסטן<br>• אויסגאבן פון איפנעמען ארבעטער<br>• ריטענשן באנוסעס | • ארבעטער געהאלטן<br>• באצאלונג העכערונגען בשעת דעם גרענט<br>• איפ'סיינ'ען באנוסעס וואס זענען באצאלט געווארן נאכן פארענדיגונג פון טרענירונג אדער נאכדעם וואס אן ארבעטער האט פארענדיגט די וואקן\מאנאטן פון ארבעט<br>• שטיצע פאר באקומען די COVID-19 וואקסין אדער בוסטער<br>• אינפארמאציע אויף OCFS-באשטעטיגטע סקאלערשיפס און טרענירונג איז אוועילעבל אויף: http://ocfs.state.ny.us/programs/childcare/training/ און אורלי טשיילדהוד עדיוקעישאן און טרענירונג פראגראם https://www.ecetp.pdp.albany.edu/ |
| **ביזנעס רענט אדער מארטגעדזש** | • רענט אדער מארטגעדזש אויסגאבן, באזירט אויף פראוויידער קאסט פארטיילונג מעטאד | |
| **ביזנעס יוטיליטיס** | • הייצונג<br>• עלעקטריציטעט<br>• טעלעפאן<br>• Wi-Fi סערוויס<br>אויב היים-באזירטע פראוויידער, זאלן אויסגאבן זיין באזירט אויף די קאסט פארטיילונג מעטאד | |

12/07/2021

| | | |
|---|---|---|
| **פאסיליטי מעינטענענס און פארבעסערונגען***<br><br>***געלטער מעגן נישט ווערן גענוצט פאר בוי ארבעט אדער גרויסע איבערמאכונג אזויווי סטרוקטור ענדערונגען, פארגרעסערן א פאסיליטי צו פארמערן פלאץ אויפן ערד, אדער פארצווייגטע טוישונגען צו די פאסיליטי.** | **מינדערוויכטיגע איבערבוי ארבעט צו:**<br>• מאכן א ווארעמע אנוועזנהייט פאר קינדער און פאמיליעס<br>• אויספאלגן זיכערהייט אנווייזונגען פארבינדן מיט צושטעלן אנטוויקלונג פאסיגע פראקטיצן<br>• מאכן אז טשיילד קעיר פראגראמען זאלן ארייננעמען און זיין צוגענגליך פאר קינדער און פאמיליעס מיט דיסאביליטיס<br>• ווערן אן אקרעדיטעד טשיילד קעיר פראגראם | • פאסיליטי שילדן<br>• פארבן צימערן מיט דויערהאפטיגע, וואשבארע פארב<br>• אוועקנעמען ווענט וואס טראגן נישט קיין לאסט כדי צו שאפן מער פלאץ<br>• בויען אדער פארבעסערן שפיל ערטער<br>• ארייננשטעלן רעילינגס, ראמפס, אדער אוטאמאטישע טירן<br>• ערזעצן טעפיכער מיט לינאליום אדער אן אנדערע איבערפלאך וואס איז גרינג צו רייניגן |

| סארט אויסגאבן | סארט ערלויבטע אויסגאבן | ביישפילן |
| --- | --- | --- |
| **פראדוקטן** | • עסנווארג וואס ווערט סערווירט פאר קינדער<br>• עקוויפמענט און מאטריאלן פאר שפילן און לערנען<br>• דייפער און טוילעט צוגעהער<br>• שלאפן אויף א פארזיכערטן אופן | • גראסערי פראדוקטן<br>• ביכער, קרעיאנס, און האנטארבעט מאטריאלן<br>• דייפערס און ווייפס<br>• טוילעט טרעינירונגען צוגעהער<br>• בעטל |
| **סערוויסעס** | • טרעינירערס<br>• טשיילד קעיר מענעדזשמענט סערוויסעס<br>• ביזנעס אוטאמעישאן טרענירונג און שטיצנדע סערוויסעס<br>• עסנווארג סערוויסעס<br>• דזשעניטאריעל אדער רייניגונג סערוויסעס<br>• שטייער און בוכהאלטעריי סערוויסעס | • CPR \ ערשטע הילף קלאסן<br>• אנליין פעיראלל סיסטעמען<br>• אקאונטינג סערוויסעס<br>• עסנווארג דעליווערי סערוויסעס<br>• רייניגן סערוויסעס פאר COVID |
| **אפצאלונגען** | • קאסטן פארבינדן מיט סטעיט-ברייטע צענטראלע רעגיסטער פאר טשיילד אביוז און מאלטריטמענט (אדער SCR) אנליין קלירענס סיסטעם פארלאנגען<br>• אויפנעמען שטאב | • שטאב פינגערפרינטינג און בעקגראונד טשעקס<br>• עדווערטייזינג אדער מארקעטינג סערוויסעס |
| **עקוויפמענט און צוגעהער** | • אינדאור און אוטדאור עקוויפמענט און געצייג<br>• טעכנאלאגישע פארבעסערונגען וואס זענען נויטיג כדי צו זאמלען אינפארמאציע און באריכטן צו הויפט אגענטורן<br>• אפיס עקוויפמענט און צוגעהער | • אינסטאלירונג אדער פאררוכטונג פון שפיל געגנט צוים<br>• אוטדאור שפיל צוגעהער<br>• ערד צודעק אונטער שפיל עקוויפמענט<br>• סקענער<br>• פרינטערס<br>• קאמפיוטער און סאפטווער<br>• סטארעדזש האלטערס\פאליצעס |